## פרשת תזריע - קדושים כ"ט ניסן - י"ב אייר תשפ"א לפ"ק

***יום שני פרשת תזריע - מצורע***

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** למעון קדשו, בחזרה ממנוחתו בפאלם ספרינגס.

*

***יום שלישי פרשת תזריע - מצורע***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב **הגיע כ"ק האדמו"ר מדעעש אנטווערפן שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בת הר"ר **ראובן לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **ישראל ברוך שטיין** הי"ו.

*

***יום רביעי פרשת תזריע - מצורע***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו ברכת אברהם. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יואל אלחנן גאלדבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פרשה הייבט זיך אן מיט די מצוה פון מילה, וביום השמיני ימול בשר ערלתו (ויקרא יב-ב). עס איז דא א מדרש (פליאה) די פאריגע וואך אין די פרשה, ווען נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן, וידום אהרן (ויקרא י-ג), איז אהרן געבליבן שטיל. זאגט דער מדרש, מה היה לו לומר, וואס וואלט ער געקענט זאגען, אז די תורה דערציילט אז ער איז שטיל געבליבן, און ער האט נישט געזאגט. זאגט דער מדרש, אז ער וואלט געדארפט זאגען, וביום השמיני ימול בשר ערלתו. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז די קשר צווישן די צוויי זאכען.

**איך** האב געזעהן שטיין, אז די גמרא (נדה לא:) שטעלט זיך, פארוואס מען מאכט א ברית דעם אכטן טאג, פארוואס מאכט מעו נישט דעם ברית תיכף ווען דאס קינד ווערט געבוירן. פארוואס ווארט מען ביז דעם אכטן טאג כדי צו מל'ן דאס קינד. זאגט די גמרא, אז פאר די מצוה פון מילה שטייט, אשה כי תזריע וילדה זכר, וטמאה שבעת ימים, עס איז דא א טומאה זיבן טאג, ווען א פרוי איז א יולדת. אזוי ווי עס איז דא א טומאה אין שטוב, איז דאך אביו ואמו עצבים, פעלט פון די שמחה ביי די עלטערן. אז מען וועט מאכען א ברית תיכף אין אנהייב, וועט זיין כל העולם שמחים, יעדער וועט זיך פרייען מיט די ברית, און אביו ואמו וועלן זיין עצבים. דער אייבערשטער האט געוואלט אז די שמחה זאל זיין א שלימות'דיגע שמחה, ווארט מען אז עס זאל אדורכגיין די ימי טומאה, און נאכדעם ביום השמיני, ווען מען האט זיך מטהר געווען, דעמאלטס זאל מען מאכען די שמחה. קומט אויס, אז מען זעהט פון ביום השמיני ימול בשר ערלתו, אז דער אייבערשטער וויל נישט פארשטערן די שמחה פון א יוד. ווען א יוד מאכט א שמחה, וויל דער אייבערשטער אז עס זאל זיין בשלימות. נישט אז יעדער זאל זיך פרייען, און די הויפט מחותנים, אביו ואמו, זאלן זיין עצבים.

**ווען** מען האט מחנך געווען דעם משכן, איז געווען א געוואלדיגע שמחה פארן גאנצען כלל ישראל. אותו היום היתה שמחה גדולה לפני הקב"ה אזוי ווי דער טאג וואס עס איז נבראו בו שמים וארץ (מגילה י:). ווער זענען געווען די גרעסטע מחותנים ביי די שמחה, אהרן, ער האט אנגעהויבן צו טון די עבודה. און אין דעם טאג איז ער געווארן א אונן, מען האט אים צוגענומען צוויי קינדער. וואלט אהרן געקענט זאגען פארן אייבערשטען, דו האסט דאך געגעבן א מצוה ביום השמיני ימול בשר ערלתו, אז מען ווארט ביז דעם אכטן טאג, כדי נישט יעדער זאל זיין שמחים, און אביו ואמו זאלן זיין עצבים, און ביי מיר האסטו יא אזוי געטון, יעדער איז שמחים, און אביו ואמו פון נדב ואביהוא זענען עצבים. פארציילט די תורה וידום אהרן, כאטש ער האט געהאט וואס צו זאגען, פון דעסטוועגן דאך איז ער געבליבן שטיל, און ער האט עס מקבל געווען.

**על** כל פנים פון די מצוה זעהט מען, אז ווען א יוד מאכט א שמחה דארף דער אייבערשטער

אוועקנעמען אלע עצבות וואס איז דא ארום און ארום, עס זאל נישט זיין יעדער שמחים, ואביו ואמו עצבים. די מצוה פון מילה האט אונז געלערנט אז א שמחה וואס דער אייבערשטער גיט פאר א יוד, דארף זיין א שלימות'דיגע שמחה, דער באשעפער דארף צונעמען אלע זאכען ארום און ארום, כדי מען זאל זיך קענען באמת פרייען.

**מען** זאגט כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אזוי ווי דער אייבערשטער האט מקפיד געווען ביי א ברית, אז יעדער זאל זיין בשמחה, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, ביי אלע אנדערע ענינים פון יודישקייט זאל אויך קענען זיין די זעלבע בחינה, אז יעדער זאל זיך קענען מיטפרייען.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

*

***<u>יום חמישי פרשת תזריע - מצורע</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודה.

*

***<u>שבת קודש פרשת תזריע - מצורע</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד חדב"ן הרה"ג רבי **יואל הלברשטאם** שליט"א.

* * *

***<u>יום ראשון פרשת אחרי - קדושים</u>***

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **משה** נ"ו, בן הר"ר **שרגא צבי פישמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יואל ווייסמאנדל** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ה סעיף ג') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** פאריגע וואך איז געווען די פרשה פון נגעים. על שבעה דברים נגעים באים, נגעים קומט אויף זיבן עבירות וואס איז אויסגערעכנט אין די גמרא (ערכין טז.). די תורה הייבט אן, אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת, א אדם וואס וועט האבן א נגע. אויב דער קאליר פון זיין הויט איז געטוישט געווארן, אז עס איז עמוק מראה, שפל מראה, איז ער אים מטמא. וואס איז דער ענין אז עס האט צו טון מיט טוישן די קאלירן, דאס איז דער עונש פאר דעם וואס האט געזינדיגט מיט איינע פון די שבעה עבירות, און דאס ברענגט ארויס זיין סימן טומאה.

**נאכדעם** שטעלן זיך די מפרשים, 'אדם' איז א חשוב'ער טיטל וואס מען רופט אן א מענטש. עס איז דא אנוש, איש, גבר, און אדם איז די חשוב'סטע. אתם קרויים אדם ואין אומות העולם קרויים אדם (יבמות סא.). מען רעדט דאך דא פון איינעם וואס האט געזינדיגט, אז נישט קומען דאך נישט קיין נגעים, פארוואס האט די תורה פונקט געשריבן אדם, ביי דעם וואס איז נישט אזוי חשוב.

**מען** זעהט שפעטער ווען דער מצורע איז זיך מטהר איז דא צוויי אינטערעסאנטע הלכות. איינס, אז ער דארף אריינלייגן תנוך אזנו און בוהן ידו ורגלו אינעווייניג אין די עזרה, אז מען זאל ארויפלייגן אויף דעם שמן און דם. ער קען נישט אריינגיין אינעווייניג אין די עזרה, ווייל ער איז נאך מחוסר כיפורים, ער האט נאך נישט געברענגט זיינע קרבנות. איז ער געשטאנען אין שער ניקנור, און אזוי האט ער אריינגעלייגט די הענט אינעווייניג, און אזוי האט מען אים מטהר געווען.

**עס** איז דא אין דעם צוויי חידושים. איינס, אז אין די גמרא (סוטה ז.) שטייט אז דער שער איז געווען אין די דיקיקייט פון די ווענט פונעם בית המקדש, וואס עס האט געהאט א קדושה. ווי אזוי האט ער געקענט אריינגיין אין שער ניקנור? נאר דעם שער האבן די

חכמים נישט מקדש געווען בשעת מען האט געבויט דעם בית המקדש, כדי דער מצורע זאל קענען שטיין דארטן און ארייגלייגן זיין הענט אינעווייניג. דאס איז טייטש, אז מען האט אראפגענומען א חלק פון די קדושה פונעם בית המקדש, וואס מען האט עס נישט מקדש געווען, ארייננצושטעלן דארט דעם מצורע, ער זאל קענען אריינלייגן די האנט. און די גמרא (זבחים לב:) דינגט זיך אז ביאה במקצת הייסט אויך ביאה, אפילו א האנט אריינלייגן טאר מען אויך נישט, ווי אזוי מעג מען? זאגט די גמרא, דא האט די תורה מתיר געווען. ווען א אנדערער טמא טוט אזא זאך איז ער חייב כרת, עס איז פונקט ווי ער וואלט אריינגעגאנגען טמא'נערהייט אין בית המקדש. אבער א מצורע האט די תורה מתיר געווען. קומט אויס אז עס איז דא צוויי קולות וואס די תורה האט מתיר געווען ביי דעם מצורע, מען האט געלאזט שער ניקנור וואס מען האט נישט מקדש געווען. און ער מעג אריינלייגן זיין האנט אינעווייניג, ביאה במקצת. אין יעדע זאך אין די תורה ליגט דאך א געוויסע מוסר השכל.

**דער** עיקר עונש פון א מצורע זאגט רש"י (יג-מו), אז עס איז ווייל ער האט גערעדט לשון הרע. ווי קומט עס, אז איינער זאל רעדן לשון הרע אויפן צווייטן, יעדער ווייסט דאך אז מען טאר נישט רעדן קיין לשון הרע? און אז מען רעדט נאך פון 'אדם', רעדט מען דאך פון א ערליכען יוד, פון א אדם חשוב, ווי קומט עס אז ער זאל טאקע ווערן א מצורע, מוציא רע. נאר עס איז דא אמאל וואס מען מעג רעדן לשון הרע, ווען יענער איז נישט ערליך וכדומה, איז דא אופנים ווי מען מעג מבזה זיין, און מען מעג אים בארעדן. אין חפץ חיים איז דא פארשידענע אופנים ווי מען קען רעדן לשון הרע. דער חסרון איז נאר, אז דער יצר הרע מאכט יעדן פאר א פוסק, ער פסק'נט זיך אליין אויף וועם מען מעג רעדן, און אויף וועם מען טאר נישט. 'דעם איז א מצוה צו באגראבן', 'דעם איז א מצוה אז מען זאל אים קאליע מאכן', 'זיין געשעפט מעג מען צוגרונד לייגן', ער וועט מכשיל זיין מענטשן, מען דארף זיך אננעמען פאר כבוד שמים. עס איז דא אסאך ערליי וועגן ווי אזוי דער יצר הרע קריכט אריין, אפילו אין א ערליכען יוד, דעם מעג מען נאכשרייען, דעם מעג מען מבזה זיין. עס איז מעשים בכל יום. און דארט קען נכשל ווערן אפילו אן ערליכער יוד אויך. אויב ער האט נישט פונקט אדורכגעלערנט די הלכות על בוריו, און ער ווייסט נישט וואס מען מעג, און וואס מען טאר נישט, און ער האט געהערט אמאל אן הלכה, אז אזוי און אזוי מעג מען רעדן לשון הרע, ווערט ער נכשל, און ער רעדט וואס מען דארף נישט.

**עס** איז באקאנט וואס עס שטייט פונעם **בעל שם טוב הק' זי"ע**, שוחט משום מאי מחייב, משום צובע (שבת עה.), אז עס גייט ארויף אויף שוחט דעלמא, אויפן יצר הרע, וואס ער שחט אפ די וועלט, און דער אייבערשטער וועט זיך אפרעכענען מיט אים. פארוואס איז ער חייב, ער האט דאך געטון וואס מען דארף? זאגט דער בעל שם טוב, משום צובע, ער פארבט א מצוה פאר אן עבירה, און אן עבירה פארבט ער פאר א מצוה. ער טוט פארבן די זאך, און ער טוט מאכן אז יענער מיינט אז ער טוט גאר א גוטע זאך. און דאס איז די ערגסטע פון אלעם, ווייל אזא מענטש וועט נישט תשובה טון. תשובה טוט ער אויף אן עבירה, אבער אויף א מצוה, ער האט מוחה געווען, ער האט מקדש געווען שם שמים - לפי דעתו - אויף דעם וועט ער קיינמאל נישט קיין תשובה טון, ווייל ער האלט דאך אז ער האט גוט געטון.

**עס** איז דא א ווארט אין **נועם מגדים** (ריש פרשת מטות), כל הרע אויב בקדש (תהלים עד-ג), דער אויב, ווען ער טוט א זאך וואס איז שלעכט, לייגט ער עס אריין בקודש, ער האט גאר געטון א דבר שבקדושה, ער האט געטון א הייליגע זאך, און דורכדעם האלט ער זיך נישט צוריק פון צו טון וואס מען דארף נישט. ער טייטשט דארטן, אז די גמרא (יומא ט:) זאגט, אז דער בית המקדש איז חרוב געווארן וועגן דריי עבירות. עבודה זרה, גילוי עריות, און שפיכת דמים. און אויף א צווייטע פלאץ זאגט די גמרא (בבא מציעא ל:) אז עס איז חרוב געווארן על שהעמידו דבריהם על דין תורה, אז זיי זענען געגאנגען זייער פונקטליך, מען האט נישט געוואלט מוותר זיין איינער פארן צווייטן. זאגט ער, אז דער פשט דערפון איז, ווי קען זיין מען איז נכשל געווארן אין עבודה זרה גילוי עריות און שפיכת דמים, מען טאר דאך נישט? זאגט ער, העמידו דבריהם על דין תורה, זיי האבן ארויפגעלייגט זייערע זאכן וואס זיי טוען, אז עס איז אויסגעהאלטן על פי תורה. מען לייגט ארויף די זאך אז עס איז אויסגעהאלטן על פי תורה, נו מעג מען דאך עס טון, מען טוט דאך על פי תורה.

**דאס** קען זיין, 'אדם', אפילו מען איז אן ערליכער יוד, פון דעסטוועגן דאך קען זיין ער וועט באקומען א נגע צרעת. פארוואס, ווייל עס דאכט זיך אים אז די זאך וואס ער טוט, איז גארנישט קיין עבירה, און ער מעג רעדן לשון הרע. און ווי אזוי לערנט מען אויס דעם מענטש אז מען קען האבן א טעות. גיט אים דער אייבערשטער א נגע, און עס איז צובע, דער אייבערשטער טוישט די קאלירן, פון אן אנדערע קאליר, ווערט אזא קאליר, צו ווייזן, דו זאלסט וויסן אז שוחט משום מאי מחייב, משום צובע, דו זאלסט וויסן, אז מען קען צובע זיין א זאך, עס קען זיך דיר דאכטן אז דו מיינסט גוט, אבער דער יצר הרע האט עס דיר איינגעפארבט אז עס קוקט אויס גוט, אבער בעצם איז עס נישט ווי עס דארף צו זיין.

**ווען** א מצורע קומט זיך מטהר זיין, וויל מען אים אויסלערנען ער זאל וויסן וואס זיין פראבלעם איז געווען. זאגט מען אים, לייג אריין די האנט אינעווייניג, ביאה במקצת בקודש. ער איז דאך א טמא, ער טאר דאך נישט אריינגיין אינעווייניג, און ער ווייסט אז ער איז טמא. דיין חסרון איז געווען דו האסט דיך אביסל אריינגעלייגט אין קודש, דו האסט אריינגעלייגט דיינע זאכן וואס דו האסט געטון אין קודש, אז עס איז אויסגעהאלטן. זאלסטו וויסן אז מען קען אמאל זיין א מצורע, מען איז אינדרויסן, און מען מיינט אז מען איז אינעווייניג בקודש. ווען ער וואלט ווען אינגאנצען אריינגעגאנגען בקודש, ער וואלט מברר געווען די הלכה, אפשר וואלט ער נישט געווען קיין מצורע. אבער ער איז דאך נאר א ביאה במקצת, ער טרעפט נאר עפעס אין קודש א זאך וואס מען דארף נישט צו טון, איז וועגן דעם געקומען אויף אים די צרעת.

**פון** די אנדערע זייט, אז עס איז ביום טהרתו, איז דאך טייטש אז ער האט יא משים לב געווען, ער טוט תשובה, ער איז זיך מטהר יעצט, ווייסט מען דאך אז במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים עומדים (ברכות לד:), א בעל תשובה איז זייער חשוב ביים אייבערשטען. און אויף אזא פלאץ ווי א בעל תשובה שטייט, קען א צדיק נישט שטיין. האט דער אייבערשטער געוויזן ביי דעם מצורע, דיר געב איך א פלאץ צו שטיין וואו אנדערע קענען נישט שטיין. אן אנדערער קען נישט אריינגיין אינעווייניג אין קודש, א מחוסר כיפורים קען נישט אריינגיין אין קודש, פאר דיר האב איך געמאכט א פלאץ אין שער נקנור, איך האב אוועקגענומען א חלק פון די קדושה פונעם בית המקדש, אז דו זאלסט קענען שטיין דארטן. איך בין דיר מתיר ביאה במקצת, וואו אן אנדערער קען נישט אריינקומען, קענסטו יא אריינקומען. ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט לערנען די חשיבות, אז עס איז ביום טהרתו, איז דער אייבערשטער מקרב דעם בעל תשובה מער ווי א צדיק גמור, ער גיט אים א וועג אריינצוקומען אין בית המקדש, מער ווי ער וואלט געגעבן פאר א צדיק גמור.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת תנאים של בת הר"ר **יונתן שמעון ווינקלער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה יונה שלעזינגער** הי"ו, שהתקיים באולם בעלזא. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***<u>יום שני פרשת אחרי - קדושים</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

*

***<u>יום שלישי פרשת אחרי - קדושים</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** ללעיקוואד וביקר אצל הר"ר **יהודא בינער** הי"ו.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** למעמד פתיחת הכולל ערב **'ובהם נהגה'** בלעיקוואד, שהתקיים בבית המדרש שע"י הכולל. במעמד נוכחו **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתינו בוומסב"ג, **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, **הרה"ג רבי יצחק אייזיק ווייס שליט"א** אב"ד ספינקא לעיקוואד, **הרב יצחק יעקב אלבוים שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק').

הרב **יוסף שטערן** שליט"א (ראש הכולל) פתח את המעמד. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברי פתיחה, והתפלל שם תפלת מעריב.

***<u>וזה תוכן הדברות קודש:</u>***

**נתת** שמחה בלבי, עס איז ביי מיר א שמחה אז מען קומט זיך צוזאם פאר כבוד התורה, צום מעמד פון עפענען א 'כולל ערב', בעיקר פאר די חבורה פון 'ובהם נהגה'. דער אייבערשטער זאל געבן, עס זאל זיין מיט אסאך הצלחה, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, להגדיל תורה ולהאדירה.

**די** פרשה די וואך הייבט זיך אן, משה רבינו האט געזאגט אין נאמען פונעם אייבערשטען, קדושים תהיו, עטץ זאלטס זיין הייליג, כי קדוש אני ה' אלקיכם (ויקרא יט-ב), ווייל דער אייבערשטער איז הייליג. און רש"י זאגט, פרשה זו בהקהל נאמרה, די פרשה האט משה רבינו צוזאמגענומען גאנץ כלל ישראל, און ער האט זיי געגעבן די מצוה פון קדושים. רש"י טייטשט קדושים, מען זאל זיין פרוש פון עבירות פון די תורה. דער רמב"ן טייטשט, אז מען רעדט פון העכערע מדריגות, אפילו פון די זאכען וואס די תורה האט מתיר געווען, דארף מען אויך זיין א קדוש. די תורה האט מתיר געווען מען מעג עסן אלעס וואס איז כשר, דארף זיך א מענטש קענען פורש זיין, און נישט נאכגיין נאך די תאוות פונעם עסן. די תורה האט מתיר געווען צו רעדן, פון דעסטוועגן דאך דארף מען זיין אפגעהיטן צו רעדן אידל. יעדע זאך דארף א מענטש שטייגן מיט א שטאפל העכער פון די וועלט, ער דארף זיין דערהויבן, פרושים. און די פרשה האט ער געזאגט פאר יעדן איינעם, בהקהל נאמרה.

**ווען** מען רעדט פון קדושה און פרישות, וואלט מען געקענט מיינען, אז דאס געהער פאר כולל יונגעלייט, מען דארף נעמען בני עליה, וואס זיי זיצן באהלה של תורה דעם גאנצען טאג, און צו זיי דארף מען רעדן, אז עס איז נישט גענוג, מען דארף שטייגן און זיין נאך העכער! - אבער עס איז נישט נוגע פאר יעדן פשוטן יוד, צו זאגן ווער א קדוש, עס איז זייער א ווייטע מדריגה אזוי צו רעדן.

**אין** די תורה הק' איז אבער נישט דא קיין צוויי ערליי נשמות. עס איז נישט דא קיין ערשטע קלאס און א צווייטע קלאס, צו זאגן אז א חלק פון די תורה געהער פאר דעם יוד, און א חלק פון די תורה געהער פאר א צווייטן. פרשה זו בהקהל נאמרה, מען האט צוזאמגענומען אלע יודען, פונעם פשוט'סטן יוד, ביז צום העכסטן יוד, און ער האט געזאגט, די תורה גיט ענק דער כח, קדושים תהיו, אז עטץ קענטס זיין קדושים. אוודאי קען נישט יעדער אויסוואקסן דער זעלבער קדוש, אבער קדושים איז טייטש ארויפצוגיין מיט א שטאפל מער פון וואס מען איז געווען, און דאס קען יעדער איינער. קדושים תהיו, זיי דיך מקדש. אין וועלכע מדריגה דו ביסט, זיי דיך מקדש ארויפצוגיין מער. עס איז דא א לייטער פון הונדערט שטיגן, און מען זאגט פאר יעדן, ווי ער שטייט, גיי ארויף איין שטאפל פון וואס דו ביסט געווען פארדעם. ווען איינער שטייט ביי פופציג, זאגט מען קדושים, גיי ארויף אויף איין און פופציג, און דאס איז זיין קדושים. ווען איינער שטייט ביי פינף, און ער גייט ארויף אויף זעקס, איז ער מקיים דעם קדושים תהיו די זעלבע. ער איז ארויפגעגאנגען א מדריגה מער פון וואס ער איז געווען. און פרשה זו בהקהל נאמרה, יעדער יוד האט א חיוב ארויפצוגיין מער פון וואס ער איז - און ער האט דער כח דערצו, דער אייבערשטער איז נישט מצוה א מצוה וואס מען קען עס נישט טון. - און פרשה זו בהקהל נאמרה, דאס גיט די חשיבות פאר יעדן יוד, אז יעדער יוד האט א מעגליכקייט צוצוקומען צו זיין א חלק פון קדושים תהיו.

**די** וואך איז געווען די ערשטע משנה אין פרק (אבות ב-א), איזהו דרך ישרה שיבור לו אדם, וואס איז די ריכטיגע וועג וואס א מענטש דארף זיך אויסקלויבן, כל שהוא תפארת לעושיה, ותפארת לו מן האדם, א זאך וואס איז א תפארת פאר דעם וואס טוט עס, און א תפארת מן האדם, וואס אטייל טייטשן, פארן אייבערשטן וואס האט אים באשאפן, און ותפארת לו מן האדם, עס איז א פראכט פאר מענטשן. עס שטייט א דבר נפלא אין **ערוגת הבשם** (פרשת דברים), זאגט דער ערוגת הבשם, כלל ישראל איז איינגעטיילט. נישט יעדער איינער זיצט און לערנט א גאנצן טאג. עס איז אינגאנצען געווען צוויי שבטים, לוי מיט יששכר, וואס די זענען געווען די יורו משפטיך ליעקב. רוב פון כלל ישראל, אין אלע דורות, זענען געווען יודען וואס האבן עוסק געווען אין פרנסה, א גאנצן טאג געווען פארנומען אין עניני עולם הזה, און מען האט זיך געפירט ווי אן ערליכער יוד דארף זיך צו פירן ביי די פרנסה. ווען מען האט געענדיגט, איז מען געזעסן און געלערנט, און געדאווענט, און געדינט דעם אייבערשטען, אזוי ווי א יוד דארף צו טון.

**זאגט** דער ערוגת הבשם, ווי אזוי ווייסט א מענטש, צו ער באלאנגט צו די יושבי אוהל, און דאס דארף זיין זיין ארבעט אויף די וועלט, צו זיין ארבעט דארף צו זיין, עוסק זיין אין עניני עולם הזה. זאגט ער, אז עס האט צו טון מיט תכונת הנפש. נישט איינער איז געאייגענט אז ער זאל קענען זיצן און לערנען און אויסוואקסן א תלמיד חכם, און אויסוואקסן א מגיד שיעור, און קענען מרביץ תורה זיין. נישט יעדער האט די כשרונות. נישט יעדער איינער האט די פעהיגקייטן דערצו. איינער וואס האט א שוואכע הבנה, א שוואכע הסברה, וכדומה, ער קען נישט אסאך זיצן און לערנען. נאכדעם איז דא יודען וואס דער אייבערשטער האט זיי געגעבן, זיי האבן יא די כשרונות. זיי לייגן זיך אריין אין די תורה, און זיי קענען וואקסן אין תורה.

**זאגט** ער, יעדער יוד דארף וויסן זיין תכונת הנפש וואס ער איז, ווי אזוי דער אייבערשטער האט אים באשאפן. אוודאי אז ער שפירט אז ער האט די מעגליכקייט צו זיצן באהלה של תורה, דארף ער עס אויסנוצן באהלה של תורה. אבער אויב ער זעהט אז עס גייט נישט, ער דארף פרנסה און ער קען נישט פון דעם זיך מתפרנס זיין, דארף ער עוסק אין עניני עולם הזה, און דינען דעם אייבערשטען אויף דעם וועג. יששכר און זבולון זענען ביידע שבטי י-ה, זבולון איז געוועזן לחוף ימים ישכון, יששכר האט געלערנט, און זבולון האט געטון זיין השתדלות, און יששכר האט געטון זיין ציווי.

**זאגט** ער, איזהו דרך ישרה שיבור לו אדם. א מענטש האט דאך צוויי וועגן, צו ער זאל זיין א יושב אוהל, צו ער זאל זיין אין געשעפטן, וואס איז דער ריכטיגער וועג וואס ער זאל זיך אויסקלויבן. זאגט מען אים, כל שהוא תפארת לעושיה, קודם זאלסטו וויסן אז מען קען זיין א תפארת פארן אייבערשטען אויף ביידע וועגן, און זוך אז דו זאלסט קענען זיין א תפארת פארן אייבערשטען, צו דיין חלק וועט זיין אין תורה, צו דיין חלק וועט זיין ערגעץ אנדערש, זאלסטו זיין א תפארת לעושיה, כל מה שברא הקב"ה בעולמו, לא בראו אלא לכבודו (אבות ו-יא). נאכדעם דארף צו זיין תפארת לו מן האדם, דו דארפסטו קענען דיין תכונת הנפש. אויב דיין תכונת הנפש איז פאר תורה, זאל דארט זיין דיין תפארת לעושיה. טאמער דיין תכונת הנפש איז, אז דו קענסט נישט זיצן באהלה של תורה, דארפסטו דארט דינען דעם אייבערשטען, אז דו זאלסט זיין א תפארת לעושיה, ותפארת לו מן האדם.

**דאס** איז טייטש, אז עס גיט א געוואלדיגן חיזוק פאר יעדן יוד. יעדער יוד האט די זעלבע כוחות הנפש ווי דער צווייטער. איינער איז געאייגענט אויף דעם וועג צו דינען דעם אייבערשטען, און איינער אויפן צווייטן וועג. אבער ווען מען האט געענדיגט די ארבעט, זענען אלע יודען אייניג, יעדער דארף זיך געפינען אין בית המדרש אין די פרייע צייט וואס מען האט, עוסק צו זיין בתורה, און דינען דעם אייבערשטען. וואס מען מוז אוועקגעבן פאר עניני עולם הזה, האט מען נישט קיין ברירה, אבער אויסער דעם, די פרייע צייט וואס מען האט, איז דאס די נאכט שעות, די זונטאגס אז מען ארבעט נישט זונטאג וכדומה, דארף זיין מוקדש. ווען מען האט א פרייע צייט, דארף מען עס אוועקגעבן פאר תורה ותפלה, און טון חסד. על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל עבודה ועל גמילת חסדים.

**עס** שטייט אין **קדושת לוי** (מסכת אבות), יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ (אבות ב-ב). זאגט ער, ווען א יוד דינט דעם אייבערשטען ערליך, אלעס איז ער מכוון לשם שמים, איז זיין גאנצער טאג, א טאג פון תורה. ווייל א מענטש האט א נסיון אין א יעדע זאך וואס ער טוט, ער זאל נישט אוועקגיין פון דרכי התורה. און אז ער פירט זיך ערליך, איז ער מקיים דעמאלטס א פסוק אין די תורה, ער איז מקיים א מצוה פון די תורה. אין זיינע געשעפטן, קען ער יעדע מינוט מקיים זיין א מצוה. נישט נאר לערנען די תורה, נאר נאך מער, ער טוט די מצוה וואס די תורה האט געהייסן. און בשעת ער טוט די מצוה, לערנט ער דאך די מצוה. ווען א מענטש גייט אויף דער גאס, און עס קומט אים אונטער צו זעהן א זאך וואס מען דארף נישט, און ער מאכט זיך צו די אויגן, איז ער מקיים ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, ער דינט דעם אייבערשטן אזוי. אויב ער איז מכוון לשם שמים, לערנט ער דעמאלטס לא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם. ער קומט מאכן א געשעפט, און ער קען יענעם אפנארן, די תורה זאגט (ויקרא כה-יז) ולא תונו איש את עמיתו, מען טאר נישט אפנארן יענעם, און ער נארט נישט יענעם ווייל די תורה זאגט ולא תונו, איז ער מקיים די תורה מיט זיין ארבעט. עס

קומט צו זאגן ליגנט, און ער זאגט נישט, מדבר שקר תרחק. עס קומט צו גנב'נען, ער גנב'ט נישט, ער גזל'ט נישט, כהנה וכהנה.

**זאגט** ער, יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ, א מענטש ווען ער איז עוסק אין דרך ארץ, ער איז עוסק אין ארבעט, זאל זיין דארטן תורה אויך. יעדע זאך וואס ער טוט, זאל זיין אויסגעהאלטן, איך טו עס מקיים צו זיין די מצוה פונעם אייבערשטען, ווערט דער דרך ארץ אליין אויך א חלק פון די תורה. - און קדושים תהיו, דאס איז בהקהל נאמרו, דאס איז געגעבן געווארן פאר יעדן איינעם, יעדער איינער דארף זעהן צו שטייגן אין א מדריגה העכער פון וואס ער איז געווען.

*

**מען** האט פריער ארויסגעברענגט כל כנסיה שהוא לשם שמים סופו להתקיים (אבות ד-יא), אז מען מיינט עס ערליך, ווען עס איז לשם שמים, קומט ארויס דערפון א קיום. אין היינטיגע צייטן איז זייער וויכטיג אז א יונגערמאן זאל האבן א חברותא, ער זאל האבן חברים ארום זיך. אויסער דעם וואס מען האט פריער גערעדט אז ביי תורה אליין, העוסק בתורה בד בבד, איז נישט די זעלבע ווי ווען מען לערנט מיט א חברותא צוזאמען, עס איז א אנדערע סארט לערנען. איך רעד אבער אלץ חלק היודישקייט, עס איז זייער וויכטיג אז יונגעלייט זאלן זיך צוזאמהאלטן, און האבן א חברותא איינער מיטן צווייטן. וואס אמאל איז עס כמעט נישט וויכטיג געווען, אבער אין די היינטיגע וועלט כמעט וואס מען ווערט פארפאלן אויב מען האט עס נישט. וואס איז די חילוק.

**אינדערהיים** אין יוראפ, האט מען געוואוינט אין קליינע שטעטלעך, מען האט געוואוינט אזוי ווי מען וואוינט היינט אין די קאנטריס. ערליכע יודען האבן געוואוינט צוזאמען איינער מיטן צווייטן, מען האט געהאט ווייניג שייכות מיטן גוי, נישט ווייל מען האט נישט געוואלט האבן קיין שייכות מיט דעם גוי, נאר ווייל דער גוי האט נישט געוואלט האבן קיין שייכות מיטן יוד. מען האט ארויסגעווארפן א יוד וואס איז אריינגעקומען אויף א פלאץ ווי גוים האבן זיך געדרייט, מען האט אים אנגעשריגן גיי ארויס פון דא. עס איז זייער שווער געווען אז א יוד זאל זיך קענען צושטעלן צו א גוי, נאר ווען ער האט זיך אפגעשניטן בארד און פיאות, ער האט באהאלטן זיין יודישקייט, און דאס האט דאך קיינער נישט געטון, ממילא איז מען געווען אפגעזונדערט פון די גוים אינגאנצען. עס איז נישט געווען קיין טעלעפאון'ס, עס איז נישט געווען קיין צייטונגען, עס איז געווען אזוי ווי מען וואוינט אין די קאנטרי, און מען זאל נישט האבן קיין טעלעפאון, מען האט נאר געהאט זיין חברותא, די יודען וואס זענען געווען אין דעם שטעטל, מיט דעם האט מען געהאט א שייכות. אויסער דעם מען האט נישט געוואוסט וואס עס טוט זיך, אפילו אינעם אנדערן שטאט האט מען נישט געוויסט וואס עס טוט זיך, ביז עס איז געקומען א יוד פון דארטן און ער האט פארציילט נייעס. און וועגן דעם האט זיך יודישקייט געהאלטן. דער יוד איז אויפגעשטאנען צופרי, ער האט נישט געהאט וואס צו טון, ער איז געגאנגען אין בית המדרש, געלערנט, געדאווענט. ווען ער האט געענדיגט זיין ארבעט האט ער אויך נישט געהאט קיין סאך וואס ער זאל האבן א שייכות מיט א גוי, האט ער אויסגענוצט די צייט פאר תורה און עבודת ה'.

**היינט** איז געווארן א אפענע וועלט. אונז לעב מיר ב"ה אין א מלכות של חסד. די וואס זענען אינדרויסן אין ביזנעס, זענען פארבינדן מיט גוים טאג טעגליך. מען הערט זייער רעדן, מען הערט זייער שפראך, און מען זעהט ווי אזוי זיי פירן זיך אויף. די צייטונגען, ווייסט מען דאך נייעס וואס עס טוט זיך אין ארבע כנפות הארץ, יודישע נייעס, אין וואס פאר א שפראך מען וויל, קען מען היינט געוואר ווערן נייעס, וואס עס טוט זיך איבעראל. מען האט אזויפיל אינפארמעישא"ן אינעם קאפ בעפאר מען זעצט זיך לערנען, אז עס קומט קוים אויס פלאץ אז עס זאל אריינגיין דערין תורה. עס איז זייער שווער אז מען זאל זיך קענען האלטן, נאר אז מען האט א ווארימע חברותא צווישן זיך, מיט חברים וואס מען האט געלערנט צוזאמען. איש לרעהו יאמר חזק, איינער איז מחזק דעם צווייטן, מען זעהט ווי אזוי דער אנדערער פירט זיך אויף שיין, ברענגט עס ער זאל זיך אויך אזוי אויפפירן. עס איז דא אומדירעקטע השפעה וואס איינער גיט אויפן צווייטן, אן דעם וואס ער זאל אפילו וויסן אז ער איז משפיע אויפן אנדערן.

**עס** איז דא אווארט וואס צדיקים האבן געזאגט, אז יעקב אבינו האט געזאגט פאר די קינדער, האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים (בראשית מט-א). יעקב האט זיי געזאגט, באחרית הימים, וואו אונז האלט מיר היינט, אין די טעג פאר משיח וועט קומען, וועט זיין וויכטיג 'האספו', מען זאל זיך צוזאמנעמען, 'ואגידה', איז אויך א לשון איגוד, זייטס ענק מתאגד, אשר יקרא אתכם באחרית הימים, ווען עס וועט זיין אזא אפענע וועלט, וואס מען וועט זיין עקספאז"ד צו אלעם, און מען וועט זיך וועלן פירן ערליך, דארף מען האבן דיבוק חברים, א חברותא צוזאמען, מען לערנט צוזאמען, מען רעדט זיך אויס איינער צום צווייטן, און טאמער האט מען א פראבלעם, רעדט ער עס אויס מיטן חבר וכדומה. אין דעם אחרית הימים איז זייער וויכטיג דער האספו ואגידה לכם.

**צדיקים** האבן צוגעגעבן, את אשר יקרא אתכם באחרית הימים, יקרא איז לשון קרירות, קאלט ווערט אנגערופן קר. אשר יקרא אתכם באחרית הימים, אין אחרית הימים וועט זיין א קרירות צו יודישקייט, די גוי'אישע וועלט וועט אפקילען דאס ווארימקייט וואס א יוד דארף צו האבן. און פארדעם איז האספו ואגידה לכם, ווען מען קומט זיך צוזאם, און מען לערנט צוזאמען, בייטאג איז דאך נישט שייך זיך צוזאמצוקומען, אבער די שעה וואס מען גיט יא אוועק פאר תורה, וואס מען לערנט נישט ביי זיך אין שטוב מיט א חבר, נאר מען קומט זיך צוזאם חברים איינער מיטן אנדערן, ברענגט עס א חיזוק וואס איינער איז מחזק דעם צווייטן אין יודישקייט אויך, אויסערן לימוד התורה וואס קומט ארויס פונעם תכלית דערפון.

**עס** שטייט אין מדרש (ויק"ר כד-ט), קדושים תהיו, זאגט דער מדרש, יכול כמוני, עטץ וועטס מיינען איך בעהט פון ענק עטץ זאלטס זיין הייליג אזוי ווי איך, תלמוד לומר כי קדוש אני ה' אלקיכם, איך דער אייבערשטער איז הייליג, קדושתי למעלה מקדושתכם. וואס עפעס איז א הוה אמינא אונז זאל מיר זיין הייליג ווי דער אייבערשטער, אז מען דארף האבן א פסוק אז דעם אייבערשטען'ס קדושה איז גרעסער פון אונזער קדושה.

**ווען** מען רעדט צו א יוד קדושים תהיו, מען זאל זיין הייליג. בעהט מען נישט זיי א מלאך, זונדער דיך אפ פון די וועלט, עס נישט, טרינק נישט, רעד נישט צו אן אנדערן, זיי איינגעשפארט אין שטוב, זיי א פרוש, אפגעזונדערט. עס איז דא א ווארט פונעם רבי'ן פון קאצק, האט ער זאגט, ואנשי קודש תהיון לי (שמות כב-ל), איך בעהט עטץ זאלטס זיין קודש, אבער מענטשלעך קודש. דו קענסט זיין א מענטש, און מען דארף זיין א מענטש, און מען קען זיין קודש אויך. מען דארף זיך נישט אפזונדערן פון מענטשן צו זיין א קדוש. מען קען רעדן מיט מענטשן. מען קען האבן שייכות איינער מיטן צווייטן, יעדע זאך איז מיט א איידלקייט, מיט א העכערקייט.

**יכול** כמוני, דו וועסט מיינען אזוי ווי דער אייבערשטער איז אינו גוף, און עס נישט דא קיין משיגי הגוף, אזוי בעהט מען פון א מענטש, זיי קודש, זונדער דיך אפ פון די גאנצע וועלט, האב נישט קיין שייכות מיט קיינעם, עס נישט, טרינק נישט, שלאף נישט, וואוין נישט ווי א נארמאלער מענטש. די תורה בעהט נישט דאס. די תורה בעהט פון אונז אנשי קודש, מען קען זיין א מענטש, דו קענסט אלעס טון אזוי ווי דו האסט ביז יעצט געטון, אבער לייג אריין א קדושה דערין. לייג עס צוזאם מיט ערליכקייט, יעדע זאך אויסנוצן אז עס זאל קענען ארויסקומען דערפון א כבוד שמים. ווען דו גייסט אויף דער גאס, זאל מען זעהן אז דא גייט א ערליכער יונגערמאן. דו פירסט זיך אויף אין ביזנעס, זאל מען קענען זאגן דאס איז אן ערליכער יוד ווי אזוי ער פירט זיך אויף אין די געשעפטן.

**דאס** איז דער ואנשי קודש תהיון לי, יכול כמוני, עטץ וועטס מיינען אז מען דארף זיין א קדוש אזוי ווי דער אייבערשטער, וואס עס איז נישט דא קיין גוף, אלעס איז נאר קודש, כי קדוש אני ה' אלקיכם, מלאכים האט דער אייבערשטער אסאך אויף יענע וועלט וואס האבן נישט קיין גוף. אונז האט דער אייבערשטער באשאפן מיט א עולם הזה, מיט מענטשליכקייט, און אזוי זאל ארויסקומען דערפון א כבוד שמים. און דאס קען יעדער באוויייזן. עס איז בהקהל נאמרה, דאס האט מען געזאגט פאר יעדן איינעם, יעדער דארף נאר ביי זיך קוקן דעם ריכטיגן וועג ווי אזוי ער קען צוקומען צו דעם קודש.

**מען** רעדט דאך צו עלטערן וואס שטעלן אויף שטובער. אשר יקרא אתכם באחרית הימים, עס

וועט זיין א קרירות, היינטיגע קינדער ווען זיי הייבן אן צו קומען אין חדר, איז שוין דער קאפ אנגעפולט מיט אלעם וואס טוט זיך אויף די וועלט, בעפאר ער זעצט זיך נאך אראפ לערנען. און כל שכן ווען ער איז נאך עלטער. אמאל ווען מען איז געקומען אין ישיבה האט מען נישט געהאט וואס צו טון, מען האט נישט געוויסט וואס עס טוט זיך. איך האב געלערנט אין נייטרא, פון אנהייב יאר ביז סוף יאר האב איך נישט געוויסט אפילו אז עס איז דא א וועלט אינדרויסן. איך האב נישט געהערט קיין נייעס, נישט געוויסט פון גארנישט. און מען האט נישט געהאט וואס צו טון, איז מען געזעסן און מען האט געלערנט. היינט קומען שוין קינדער אנגעפולט מיט אלעם אויף די וועלט. די צוויי טאג וואס מען איז אינדערהיים, עס איז נישט דא קיין ישיבה, באקומען זיי אזויפיל אינפארמעישא"ן, אז מען דארף צוריק אראפגיין צו לערנען. את אשר יקרא אתכם, יא עס איז דא זאכן היינט וואס קילט אפ פון עבודת ה'.

*

**דער** שבת ווען עלטערן זענען צוזאמען מיט קינדער, דאס איז די איינציגע צייט וואס מען קען משפיע זיין אויף קינדער. מען איז אליינס מיט די קינדער צוזאמען, מען איז רוהיג, די קינדער זענען רוהיג, מען האט צייט צו זאגן א גוטווארט, מען האט צייט צו פארציילן א מעשה פון צדיקים. און מען דארף זיך פארקוקן, ווען עס קומט פאר שבת, נעמען זיך צייט, וואס גיי איך רעדן שבת, וואס פארא נושא גיי איך ארויפברענגען אויפן טיש, וואס גיי איך פארציילן. עס איז היינט דא ב"ה ספרים, וואס מען קען זיך פארקוקן, סיי וואספארא יודישע זאכן וואס ער דארף נישט קיין סאך הארעווען עס צוצושטעלן. די נאנטקייט וואס עס ברענגט א ווארימען שבת מיט די קינדער, דאס ברענגט האספו ואגידה את אשר יקרא אתכם באחרית הימים. עס וועט נישט זיין קיין קרירות באחרית הימים. עס קומט קעלט פון אינדרויסן, דארף מען געבן ווארימקייט פון אינעווייניג. טאמער ער באקומט נישט די ווארימקייט פון אינעווייניג, בלייבט ער נאר מיט דעם קרירות אינדרויסן.

**מען** זאל זעהן יעדן שבת זאל זיין א ווארימער שבת. זינגען זמירות. עס איז דא געגוג צייט צו שלאפן, עס איז דא א לאנגער שבת נאכמיטאג, על כל פנים אין די זומער וואכן. די שעה וואס מען זיצט ביים טיש, דארף זיין אן ערנסטער שמועס צווישן עלטערן און קינדער, און אייביג זיין מסודר פאר זיך, אין מיטן די וואך האט מען געהערט אמאל עפעס פארציילן, פארצייל עס איבער דעמאלטס וכדומה.

**איך** וואלט אויך מציע געווען, אז מען קומט זיך צוזאם יעדע נאכט צו לערנען, זאל זיין דאנערשטאג נאכט א האלבע שעה, נאכדעם וואס מען האט געענדיגט דעם סדר, זיצן פאר זיך א חבורה, ווער עס האט צייט, זאגן א דבר תורה איינער פארן צווייטן, צו ברענגען איינער זאל רעדן, צו לערנען א שטיקל אור החיים הק', מאכן א געוויסע הכנה פארן שבת פון וואס מען גייט אריין. און עס וועט געבן א געלעגענהייט אויך אז יעדער וועט האבן עפעס וואס אהיימצוטראגן נאכדעם צו זיך אינעם שטוב.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, עס זאל ארויסקומען א כבוד שמים, אלע זענען זיך צוזאמגעקומען מיט א ערליכע כוונה, איש לרעהו יאמר חזק, איינער זאל מחזק זיין דעם צווייטן. זעהן אז אפילו עס קומט אן שווער צו קומען, ויסן אז עס איז זכות הרבים, עס איז אינו דומה, אין א פול בית המדרש לערנט זיך אנדערש, אז דאס בית המדרש איז נישט אזוי פול, לערנט זיך נישט אויפן זעלבן וועג. יעדער וואס קומט, האט אן עקסטערן זכות פון זיך, און א עקסטערן זכות אינעם ציבור אויך.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אונז זאל מיר קענען דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב. עס איז דאך טעג פון ספירה, אן עליה, יעדן טאג גיין מיט איין מדריגה העכער פון וואס מען איז געווען, ביז מען קומט צו צום שלימות, צום הייליגן יום טוב שבועות. זאל מען קענען גיין מעלה און מעלה, און זוכה זיין צו דינען דעם אייבערשטן מתוך שמחה וטוב לבב, און אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת אחרי - קדושים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **ירמיה מאיר פאגעל** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **יעקב** נ"י בן הר"ר **שמחה זימל מיטעלמאן** הי"ו, עב"ג הר"ר **מענדל וואלף הירש** הי"ו.

*

***<u>יום חמישי פרשת אחרי - קדושים</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודה.

*

***<u>שבת קודש פרשת אחרי - קדושים</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד הרה"ג רבי **יואל משה מרדכי** שליט"א.